# פרשת וירא י"ב – י"ח חשון תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת וירא***

אחר תפלת שחרית השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן ש"ב הרב **חיים יהודא כ"ץ** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד **תולדות אהרן שליט"א**), שהתקיים בבית המדרש תולדות אהרן. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה.

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **לייבוש גאטעסמאן** ע"ה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' נטילת ידים סימן קס"א סעיף ג') בבית מדרשנו. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** וואך אין די פרשה, איז די פרשה פון די עקידה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, לך לך אל ארץ המוריה, והעלהו שם לעולה על אחד ההרים אשר אומר אליך (כב-ב). דער מדרש (ב"ר נה-ז) איז משלב די 'לך לך' פון די עקידה, מיט די פאריגע וואכע'דיגע פרשה, וואס האט זיך אויך אנגעהויבן 'לך לך' מארצך, דער אייבערשטער האט געהייסען פאר אברהם אבינו אז ער זאל איבערלאזן זיין לאנד, און ער זאל אוועקגיין אל הארץ אשר אראך (יב-א). דאס איז געווען דער ערשטער נסיון פון אברהם אבינו וואס שטייט אין די תורה, און דער לעצטער נסיון איז געווען די נסיון פון די עקידה. און ביי ביידע שטייט דער לשון 'לך לך'. זאגט דער מדרש, אין אנו יודעים איזה חביבה, איך ווייס נישט וועלכע איז מער חביב, אם הראשונה אם השניה, צו עס איז געווען מער חביב ביים אייבערשטען די ערשטע נסיון, צו די לעצטע נסיון. מן מה דכתיב ולך לך אל ארץ המוריה, הוי אומר השניה חביבה מן הראשונה, אז די צווייטע איז מער חביב.

**מיר** וועלן נישט אריינגיין יעצט ווי אזוי די ראיה איז פון יענעם פסוק, אבער אז דער מדרש פרעגט אזא שאלה, איז טייטש אז עס איז דא א צד צו זאגן אז דער ערשטער נסיון פון לך לך מארצך, איז געווען חביב ביים אייבערשטען, מער פון די צווייטע נסיון. און עס דארף האבן א ביאור, ווי אזוי קען זיין אז לך לך מארצך, איז א גרעסערע נסיון פון נעמען א קינד, בנך, יחידך, אשר אהבת, און והעלהו שם לעולה. ווי אזוי קען מען זאגען אז דאס איז די קליינע נסיון, און לך לך מארצך וממולדתך דאס איז די גרויסע נסיון, און מען דארף האבן א לימוד, אז די עקידה איז געווען א גרעסערער נסיון.

**אין** מדרש (ילקוט סג) שטייט, ואעשך לגוי גדול, אז דער אייבערשטער האט אים געזאגט, איך וועל דיך מאכן פאר א כהן גדול, וואס ביי א כהן גדול שטייט (ויקרא כא-י) והכהן הגדול מאחיו. ואעשך לגוי גדול, דער אייבערשטער האט אים געזאגט, איך וועל דיך מאכן פאר א כהן גדול. ווי קומט אהער ואעשך לגוי גדול, אז דער אייבערשטער האט אים געמאכט פאר א כהן גדול.

**עס** קען אפשר זיין. ביי טומאה פון כהנים איז דא דריי הלכות אין די תורה. קודם איז דא די הלכה אז א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין צו קיין שום מת. נאכדעם איז דא א צווייטע הלכה אז צו זיינע קרובים מעג זיך א כהן הדיוט יא מטמא זיין, לאמו ולאביו ולבנו ולבתו ולאחיו ולאחותו הבתולה וגו' לה יטמא (שם כא-ב). און די דריטע הלכה איז, אז א כהן גדול טאר זיך נישט מטמא זיין אפילו צו קרובים, לאביו ולאמו לא יטמא (שם כא-יא).

**דער חינוך** זאגט אויף יעדע מצוה א ביאור און א הסבר. און ער איז מסביר (במצוה רסג-ער) די ערשטע חלק, פארוואס א כהן טאר זיך נישט מטמא צו א מת, ווייל יעדע מענטש האט א נפש און א גוף. דער גוף איז א גוף וואס זינדיגט, די גוף גייט נאך נאך תאוות הגוף, און די נפש, די שכל, האלט אים אביסל אפ, אז ער זאל נישט נאכגיין אלעס וואס די גוף וויל טון. ווען א מענטש שטארבט, און עס ווערט אפגעטיילט די שכל פונעם גוף, און עס בלייבט איבער נאר די פלייש, וואס דאס איז די עיקר שלעכטס פון א מענטש, ליגט אויף זיין גוף א

געוואלדיגע טומאה. דער גוף האט מחטיא געווען דעם מענטש זיין גאנץ לעבן. און ווען דער שכל האט זיך יעצט אפגעטיילט פונעם גוף, קומט זיך, אז א כהן זאל נישט האבן קיין שייכות, און ער זאל זיך נישט מטמא זיין צו א מת.

**פארוואס** צו זיינע קרובים מעג ער זיך יא מטמא זיין. זאגט דער **חינוך**, ווייל דרכיה דרכי נועם, די וועגן פון די תורה איז דרכי נועם. א מענטש האט שטארקע געפילן בשעת איינע פון די קרובים גייען אוועק, און ער וויל זיך אויסגעבן זיין ווייטאג און זיין צער וואס ער האט, אז ער זאל וויינען אויפן מת, און ער זאל זיין נעבן דעם מת. און אז מען וועט זאגן פאר א כהן, אז ער קען נישט צוגיין צו זיינע שבעה קרובים, וועט עס אים זייער שווער אנקומען. ער וועט נישט האבן א פלאץ ווי ער זאל קענען ארויסגעבן זיינע געפילן פארן מת. האט די תורה מתיר געווען, אז צו די קרובים וואס זענען אים נאנט, קען ער זיך מטמא זיין.

**זאגט** ער ווייטער, פארוואס טאר זיך א כהן גדול נישט מטמא זיין, ער האט דאך אויך געפילן. זאגט ער, אז דער כהן גדול איז דבוק בעליונים, ער לעבט נישט אויף די וועלט, זיין דביקות איז אויבן אין הימל, ער האט נישט קיין שום שייכות צו די טבעי העולם הזה, ער דארף זיך נישט בארוהיגן מיט דעם וואס ער וועט אריינגיין באהל המת און זיך דארט אויסוויינען, כי נפרד מאבותיו בחייו, ביים לעבן האט ער שוין נישט קיין שייכות מיט זיין משפחה. ער איז שוין אין א העכערע מדריגה, ער איז אפגעזונדערט. וואס ביי א מענטש פאסירט ביים שטארבן פון די קרובים, איז ביי אים שוין דא בשעת ער לעבט נאך. ער איז שוין אפגעזונדערט געווארן פון זיי נאך בחייו. זאגט די תורה, אז פאר דעם כהן גדול איז נישט וויכטיג אז ער זאל אריינגיין זיך אויסגעבן בשעת די מיתה פון די קרובים.

**מען** געפונט ביי אהרן הכהן, ווען נדב און אביהוא זענען אוועק, וידום אהרן (ויקרא י-ג), ער איז געבליבן שטיל. אין די מפרשים שטייט, אז אהרן איז נישט נאר געבליבן שטיל, נאר 'וידום' איז א לשון פון א 'דומם'. א שטיין און א קלאץ, האבן נישט קיין געפילן. מען קען האקן און קלאפן, עס איז א דומם. יעדער בעל חי, נישט נאר א מענטש, נאר אפילו א בעל חי, און אפילו א צומח, האט אין זיך א הרגשה. און טאמער מען קלאפט אים, אדער מען טוט עפעס דערצו, ווערט עס קאליע. וידום אהרן, פאר אהרן האט גארנישט צוגערירט דאס וואס נדב ואביהוא זענען אוועק. ער איז שוין נישט געווען אויף דעם עולם, זיין קאפ איז אויבן. דער אייבערשטער האט אים געגעבן קינדער, און ער האט צוגענומען פון אים די קינדער, עס איז געווען ביי אים די זעלבע.

**מיט** דעם פארשטייט מען, פארוואס עס האט פאסירט אזא זאך, אז ווען מען האט מחנך געווען דעם משכן, זענען נדב און אביהוא געשטארבן. פארוואס האט דער אייבערשטער פארשטערט די שמחה פון חנוכת המשכן, אז נדב ואביהוא זענען דעמאלטס נסתלק געווארן. דער אייבערשטער האט געזאגט בקרובי אקדש, איך וועל נתקדש ווערן במיודעיו של מקום, ועל פי כל העם אכבד (שם), און דורך דעם וועל איך נתכבד ווערן ביי כל העם. ווען מען האט אויסגעקליבן אהרן הכהן צו זיין דער כהן גדול, איז מן הסתם געווען אסאך ערליכע יודען אין כלל ישראל, וואס זיי האבן אויך געקענט האבן די געפיל, אז עס פאסט זיך, אז מען זאל זיי געבן די כהונה גדולה. און מען זעהט שפעטער אז קרח האט חולק געווען פארוואס מען האט געגעבן פאר אהרן די כהונה גדולה, און פארוואס האט מען אים נישט געגעבן די כהונה גדולה. ווען מען נעמט איינעם פון גאנץ כלל ישראל, פון ששים רבוא יודען, און מען האט אים אויסגעקליבן אז ער זאל זיין דער כהן גדול, זענען געווען אסאך יודען וואס האבן געהאלטן אז פאר זיי קומט זיך די כהונה גדולה, און פארוואס האט מען עס געגעבן פאר אהרן.

**האט** דער אייבערשטער געוואלט וועיזען די גרויסקייט פון אהרן, אז אהרן איז ראוי צו זיין א כהן גדול. ווייל ווען עס גייען אים אוועק צוויי קינדער אזוי ווי נדב און אביהוא, און וידום אהרן, עס רירט אים נישט אן, ער איז אזוי ווי א דומם, ער איז שטיל און ער שווייגט, דאס איז א מדריגה פונעם כהן גדול, וואס ביי א כהן גדול שטייט ועל כל נפשות מת לא יבא, אז ער זאל זיך נישט מטמא זיין צו די קרובים,

ווייל ער איז שוין אפגעזונדערט פון זיינע קרובים בחייו. צו ווייזען די גרויסקייט, אז מען זאל נישט האבן קיין טענות פארוואס מען האט אויסגעקליבן אהרן, אז ער זאל באקומען די כהונה גדולה, האט דער אייבערשטער געוויזען אז אהרן ווען עס זענען אים געשטארבן צוויי קינדער, האט ער זיך אזוי אויפגעפירט. דער אייבערשטער זאגט, 'בקרובי אקדש', איך וועל נתקדש ווערן בקרובי, איך וועל צונעמען מיינע נאנטע מענטשען, ער האט צוגענומען נדב מיט אביהוא, און דורך דעם 'ועל פני כל העם אכבד', וועל איך דורכדעם נתכבד ווערן ביי יעדן איינעם. מען וועט זאגען, עס איז אמת אז עס קומט זיך אז אהרן זאל זיין דער כהן גדול. א כהן גדול וואס ביי אים איז די הלכה אז על כל נפשות מת לא יבא, דאס פאסט פאר אהרן, וואס ער האט זיך געקענט אזוי אויפפירן.

**קומט** דאך אויס, אז ווען דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו, ואעשך לגוי גדול, אז ער וועט אים מאכן פאר א כהן גדול, האט דאך אברהם פארלוירן די געפילן צו יצחק. ווייל ביי א כהן גדול איז דאך אזוי די הלכה, אז אפילו לבנו ולבתו איז ער זיך נישט מטמא, ווייל ער איז נפרד ממנו בחייו. קומט אויס, אז נאך די ערשטע מאל וואס דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך לך מארצך וממולדתך, ואעשך לגוי גדול, אז איך וועל דיך מאכן פאר א כהן גדול, וועסטו יעצט זאגן אז די צווייטע נסיון פון די עקידה איז שוין א קליינע נסיון. ווייל אז מען איז א כהן גדול, און די קאפ איז שוין בעליונים, וועגן דעם האט ער געקענט ברענגן זיין קינד פאר אן עולה. קען איך דאך זאגן אז די ראשונה זאלן זיין חביבים פון די שניה, דארף מען האבן א ראיה פון די פסוק, אז די שניה איז נאך אלץ געווען חביב ביים אייבערשטען מער פון די ראשונה.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן ש"ב הרב **אלי כ"ץ** שליט"א (מאנסי, בן הרה"ג **רבי מרדכי אברהם כ"ץ** שליט"א), עב"ג בת הרב **אברהם רובין** שליט"א (ב"פ), שהתקיים באולם עטרת חינקא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **אברהם שמעון שמעלצער** הי"ו (ב"פ), עב"ג בת הר"ר **משה גאלדמאן** הי"ו (מאנסי), שהתקיים באולם שמח תשמח. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת וירא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת סאמעט ע"ה (אלמנת הר"ר **אהרן צבי סאמעט** ע"ה).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **חיים הערש וועכטער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יוסף לייב סאנדער** הי"ו, שהתקיים באולם ראוז קעסטל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **יצחק אליעזר וואלדמאן** שליט"א, עב"ג בת הר"ר **חיים יודא פערלשטיין** שליט"א, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בן הר"ר **חיים הערש וועכטער** הי"ו, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת וירא***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת הירש ע"ה (אלמנת הר"ר **אברהם אבא הירש** ע"ה).

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בן הר"ר **אליעזר ברילל** הי"ו (ב"פ),

עב"ג בת הר"ר **שלמה ווינשטאק** הי"ו (בן הר"ר ישראל ווינשטאק הי"ו), שהתקיים באולם תורה ויראה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **מיכל ניימאן** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **פנחס שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת וירא***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב הגיע **הרה"ג רבי צבי פריעדמאן שליט"א** אב"ד סעליש להזמין את **רבינו שליט"א** להפארשפיל לרגל נישואי בנו בשעטו"מ (בא"י).

***וזה תוכן השיחה:***

**אב"ד סעליש ביקש מרבינו שליט"א לומר דברי הדרכה לבנו החתן נ"י**

**רבינו:** פאר אזא חתן דארף מען נישט זאגען, ער קומט דאך פון א גוטע שטוב, ער האט געהאט וואו צו הערן. - דו האסט שוין געהערט צוואנציג יאר, שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך (משלי א-ח), ווען מען שטעלט אויף א שטוב, דארף מען עס אויפשטעלן על דרך ישראל סבא. וואס מען האט געזען ביי די עלטערן, דאס דארף מען ממשיך זיין. אז מען נעמט דאס מיט שטענדיג, האט מען א גראדן וועג ווי צו גיין. אבער אז מען וויל זיין קלוגער פון די עלטערן, ווייסט מען נישט ווי מען פאלט אריין. אז עס איז גוט געווען פאר די עלטערן דעם וועג, ווייסט מען אייביג אז מען איז אויפן ריכטיגן וועג.

**אב"ד סעליש:** דער זיידע [**הרה"ק רבי שמואל צבי מספינקא זצ"ל**] האט שטענדיג גערעדט פון דעם, וואס וואלט דער זיידע, דער **חקל יצחק**, געזאגט אין אזא מין פאל. עס איז געווען נישט פשוט די התקשרות וואס ער האט געהאט צום **חקל יצחק**, עפעס מורא'דיג.

ער האט נאכגעזאגט פונעם **חקל יצחק**, וואס מען זעהט דערפון וואס עס מיינט אבות. אז מען פירט זיך, אז ביים מצוה טאנץ איז נישט דא קיין מחיצה. אין ספינקא איז געווען דריי זמנים וואס עס איז נישט געווען א מחיצה, און די נשים זענען אריינגעקומען צו די מענער. ביי א מצוה טאנץ, און שמחת תורה, און פסח ביים סדר. האט ער נאכגעזאגט פונעם **חקל יצחק**, אז דער טעם דערפון איז, ווייל דעמאלטס קומען אראפ די אבות, און ווען די אבות קומען אראפ איז דא א שמירה.

עס איז געווען אמאל א חתונה אין די זאלן פון פרדס פיגא, פאר מען האט עס איבערגעבויט. און די פרויען זענען געווען אין די לאנטש רום, דארט ווי עס איז היינט די זאל פון פרדס צבי. און עס איז נישט געווען געהעריג עי"ר קאנדישא"ן ביי די מענער, און עס איז געווען זייער הייס. ווען עס איז געקומען צו מצוה טאנץ, האט מען געזאגט פארן זיידען, אז ביי די פרויען איז פיין קיל, און מען האט אים געבעטן אז ער זאל אריינגיין דארט צום מצוה טאנץ. האט ער געזאגט, בשום אין אופן. האט ער געזאגט, אז דאס וואס מיר האבן מקובל אז די אבות קומען אראפ, און עס איז דא א שמירה, האבן מיר נאר געהאט די קבלה ווען די פרויען קומען אריין צו די מענער, אבער אז איך זאל אריינגיין דארט, אויף דעם האב איך נישט א קבלה.

**רבינו:** שמחת תורה זענען די פרויען געווען אין בית המדרש?

**אב"ד סעליש:** אין מיינע צייטן שוין נישט, אבער זיי זאגען אז אמאל זענען די פרויען אריין געקומען. - אבער ביים סדר קומען זיי אריין, און זיי זיצן אויף א עקסטערע טיש.

איך האב געזעהן וואס דער רב האט געזאגט (בסעודת שבע ברכות של נכדו הרב יואל יוסף עזריאל טייטלבוים שליט"א, שנערכה ע"י אברכי הכולל), אז ביי שמחת חתן וכלה איז נישט דא קיין פראבלעם פון ביטול תורה, אזוי ווי דער **חתם סופר** האט געזאגט, אז די גמרא (ברכות נד:) זאגט, המאריך בתפלתו מאריכין לו ימיו ושנותיו, איז מען עס שפעטער משלים. עס איז א שטארקע געדאנק.

**רבינו:** די גמרא (ברכות ו:) זאגט דאך, אז דורך שמחת חתן וכלה איז מען זוכה צו תורה שניתנה בחמשה קולות, זעהט מען דאך, אז מען איז זוכה צו די

חמשה קולות פון תורה. איז עס נישט א שטער צו תורה, נאר עס איז א הכנה צו תורה[א].

*

**רבינו:** וואס מאכט דער טאטע [**הגה"צ אב"ד אולם שליט"א**].

**אב"ד סעליש:** ב"ה, ער זיצט און לערנט, ער גייט אין כולל יעדן טאג, שוין פערציג יאר.

**רבינו:** אלץ בחור האט ער אויך פלייסיג געלערנט. מיר האבן געלערנט צוזאמען אין נייטרא.

**אב"ד סעליש:** ער איז געפארן צוזאמען מיטן רב צום **סאטמארער רב זי"ע** קיין שעראן ספרינגס, און מען איז געשלאפן אין איין בעט.

**רבינו:** מיר זענען דעמאלטס געפארן אפאר בחורים פון נייטרא קיין שעראן ספרינגס. און דער **סאטמארער רב**, אדער די רעבעצין, האט דעמאלטס געבעטן אז מען זאל נישט קומען אויף שבת, ווייל ער וויל האבן מנוחה. און מיר האבן נישט געוואוסט, צו מען האט זיך נישט געמאכט וואוסענדיג, און מען איז געפארן. מען האט נישט מיטגענומען קיין עסן, ווייל מען האט געוואוסט אז ביים רבי'ן וועט מען געבן צו עסן. ווען מיר זענען אנגעקומען, האט די רעבעצין געזאגט, אז מען גיט נישט צו עסן, און דער רבי וועט נישט אריינקומען צום טיש פרייטאג צו נאכטס. און ער איז טאקע נישט אריינגעקומען. אין די לעצטע מינוט האבן מיר זיך פארשאפט וואו צו עסן, און מען האט געזוכט א האטעל ווי מען קען איינשטיין. און עס איז געווען א צימער ווי צוויי מענטשען קענען איינשטיין, און מיר האבן זיך אלע אריינגעלייגט דארט שלאפן. עס איז געווען שבת מברכים אלול, און צו שלש סעודות איז דער **סאטמארער רב** יא אריינגעקומען, און עס האט זיך אויסגעצאלט מיטן שלש סעודות. און מוצאי שבת האט ער געזעגנט יעדן איינעם.

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, אין א מזל'דיגע שעה, און מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און ביי אלע קינדער.

**ובירך להחתן:** דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, און אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת ש"ב הר"ר **שמעי' דוד פאללאק** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אהרן שווארץ** הי"ו, שהתקיים באולם ריוּוער טערעס.

אחר התנאים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר ***יהושע פרענקל*** הי"ו, עב"ג בת הר"ר ***משה דיימאנד*** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

*

***<u>יום חמישי פרשת וירא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב הגיע **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** (קרית ויזניץ) לביקור אצל **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**האדמו"ר מויזניץ:** איך האב געהערט זאגן אז דער **בעל התניא זצ"ל** האט געזאגט, אז לולא

---

[א] וזה תוכן הדברי תורה: בגמרא (מגילה ג:) מבטלין תלמוד תורה להוצאת המת ולהכנסת הכלה ע"כ. ובגמרא (מנחות צט.) פעמים שביטולה של תורה זהו יסודה, וברש"י כגון שמבטל תורה להכנסת כלה וכו', זהו יסודה, כלומר מקבל שכר כאלו יושב ומייסדה ועוסק בה ע"ש. ולכאורה הרי במשנה (פאה א-א) איתא, דתלמוד תורה שקול כנגד כל המצות שנמנו שם, ובתוכם יש הכנסת כלה, ולמה מבטלין תורה להכנסת כלה.

ויש לומר על פי מה שמספרים על **הגה"ק בעל החתם סופר זי"ע** שבנערותו האריך בתפלה, ואמר לו חבירו שבשעה זו למד הוא כבר כמה דפים גמרא. והשיב לו הלא אמרו חז"ל (ברכות נד:) המאריך בתפלתו מאריכין ימיו ושנותיו ע"כ. ואם כן עבור אריכות תפלתו יוסיפו לו עוד שנים לימי חייו, ואז ישלים תורתו שנחסר לו ע"כ. - וכמו כן בשמחת כלה, הרי אמרו (ברכות ו:) כל הנהנה מסעודת חתן וכו', אם משמחו מה שכרו, זוכה לתורה שניתנה בחמשה קולות וכו' ע"ש. אם כן הנותן מזמנו לשמחת חתן וכלה, אין זה ביטול תורה, אלא פעולה להשגת קנין התורה, ושפיר מבטלין תורה לשמחת חתן וכלה.

דמסתפינא וואלט ער געזאגט אז די כהנים זאלן דוכענען אויך אין חוץ לארץ.

**רבינו:** דער **גר"א** האט אויך געוואלט איינפירן אז מען זאל דוכענען אינדערוואכן, און ער האט געהאט אפגעשמועסט מיט די תלמידים אז דעם און דעם טאג וועט ער עס אנהייבן, און א טאג פאר דעם האט מען אים איינגעשפארט אין תפיסה. האט ער געזעהן אז עס איז נישט מן השמים אז מען זאל עס טון, האט ער צוריקגעצויגן (ראה בספר **עליות אליהו** דף ט"ז, **ובשו"ת משיב דבר להנצי"ב** סימן ק"ד).

**האדמו"ר מויזניץ:** דער **בעל התניא** איז געווען פריער, אדער דער **גר"א**?

**רבינו:** דער **גר"א** איז אוועק פארן **תניא** (**הגר"א** נולד בשנת ת"פ ונסתלק בשנת תקנ"ח, **והבעל התניא** נולד בשנת תק"ה ונסתלק בשנת תקע"ג).

**האדמו"ר מויזניץ:** דער **תניא** שרייבט עס ערגעץ אין די כתבים?

**רבינו:** עס איז מקובל ביי די חב"ד חסידים אז ער האט אזוי געוואלט איינפירן (עיין בספר **שערי הלכה ומנהג** או"ח סימן ע"ה).

**האדמו"ר מויזניץ:** די ספרדים דוכענען יעדען טאג אפילו אין חוץ לארץ.

**רבינו:** אין ארץ ישראל אליין איז אויך דא פלעצער וואו מען דוכענט נאר שבת.

**האדמו"ר מויזניץ:** אין צפון דוכענט מען נאר ביי מוסף. אין גאנץ צפון נישט נאר אין גליל העליון, נישט נאר אין צפת און אין טבריה, נאר אפילו אין חיפה, חיפה הייסט אויך גליל, דוכענט מען אויך נישט, נאר ביי מוסף. ביי אלע מוספים, אפילו ראש חודש.

**רבינו:** דער אמת איז, אז פארן ציבור איז נישט קיין נפקא מינה צו די כהנים דוכענען, צו נישט. ווייל עם שבשדות ווערן דאך נתברך (סוטה לח., ובשו"ע או"ח סימן קכ"ח סעיף כ"ה). אז מען דוכענט אין ארץ ישראל, גייט עס ארויף אויף די גאנצע וועלט. עס איז נאר נוגע פאר די כהנים אז פאר זיי פעלט א מצוה[ב].

---

[ב] **בשו"ת תשובות והנהגות** (ח"א סימן ק"ל) האריך בזה אי בני חוץ לארץ הוי בכלל עם שבשדות, ועיין עוד **במהר"ם חגיז** בספרו **אלה המצות** (מצות נשיאת כפים) **ובשו"ת משיב דבר** (סימן ק"ד), שנקטן בפשיטות דבני חוץ לארץ הוי בכלל עם שבשדות.

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז דא א יוד אין ארץ ישראל, נישט קיין ויזניצ'ער, אבער ער האלט זיך היימיש, און ווען איך בין אין חוץ לארץ האט ער מיך אינזין ביי ברכת כהנים. ער איז נישט א כהן, אבער ווען ער איז יוצא פון א כהן, האט ער מיך אינזין[ג].

איך האב לעצטענס געהערט, אז אין בארא פארק איז דא א ספרדישע בית המדרש. און עס איז דא יודען, מער ארץ ישראל'דיגע יודען, וואס זענען מהדר צו גיין אהין יעדן טאג צו הערן ברכת כהנים. עס שטייט דאך אין **זוהר הק'** אז ברכת כהנים איז גאר א הויכע זאך.

**רבינו:** די פאריגע וואך אין די פרשה שטייט ואברכך, שתהא הברכות נתונות בידך.

דער כת ש"ץ פון **שבתי צבי** האט אויך געוואלט איינפירן אז מען זאל דוכענען, און מען האט עס דעמאלטס צוריקגעהאלטן, אפילו א דבר טוב האט מען נישט געוואלט מקבל זיין.

**האדמו"ר מויזניץ:** די גאנצע וואס די מתנגדים האבן געהאט א מלחמה מיט די חסידים, איז אלץ געווען ווייל זיי האבן חושד געווען אז זיי געהערן צו דעם כת.

**רבינו:** יא, מען האט מורא געהאט פון א נייע זאך.

*

**האדמו"ר מויזניץ:** רבי דוד לייב שווארץ ז"ל האט געלערנט ביים טאטן אין ישיבה?

**רבינו:** ער האט געלערנט ביים זיידען [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**], מיין טאטעס טאטע.

---

[ג] ראה בספר **חסד לאלפים** (שאלה ו' אות כ"א), **ובשו"ת תשובות והנהגות** (ח"א סימן ק"ל) שכתב בתוך דבריו: וכשאני בחוץ לארץ, נוהג אני לבקש שני כהנים מיוחסים בארץ ישראל לפרט שמי לפני נשיאת כפים, ולכוון בברכתם יום יום עלי, לקבל בזה ברכת הקב"ה על ידי כהנים, ומשלם אני להם דוקא איזה סכום להזכירם על כך. ולדעתי כשמברכין שכינה עמהם, וכשמפרט שם איזה יהודי שאינו יכול לבוא, ומתפלל שגם הוא יקבל הברכה, נראה דשעת הכושר היא להתברך. ועיין **בביאור הלכה** (סימן קכ"ח סעיף כ"ד ד"ה אם הם אנוסים). ובדרך שהבאנו נראה סגולה גדולה ונפלאה בעזהשי"ת ע"כ.

ובאגרת שכתב **השל"ה** לבני משפחתו בהיותו בארץ ישראל (**אגרות ארץ ישראל** סימן ל"ה) כתב בזה הלשון: 'הכהנים נושאים כפיהם בכל יום, ואני זוכר בכם, וממשיך ברכה על ראשכם' ע"כ.

**האדמו"ר מויזניץ:** רבי דוד לייב פלעגט אלץ רעדן פון סערדאהעלי. דער עולם האט אים געקענט אלץ א שנארער, אבער ער איז געווען א מורא'דיגער תלמיד חכם. ער האט געקענט גוט לערנען.

**רבינו:** ער איז געווען א חסידישער יוד.

**האדמו"ר מויזניץ:** נישט סתם.

**רבינו:** אסאך וויזשניצע בחורים האבן געלערנט אין סערדאהעלי.

*

**האדמו"ר מויזניץ:** דער וויענער רב איז אמאל געווען ביים בעלזער רב?

**רבינו:** ניין. איך בין געווען אין אמעריקא, און ער איז געווען אין ירושלים. עס איז נישט געווען במציאות אז מען זאל זיין.

**האדמו"ר מויזניץ:** אבער דער טאטע איז געפארן קיין בעלזא.

**רבינו:** יא.

**האדמו"ר מויזניץ:** נאך צום פריערדיגען רב, **רבי ישכר דוב**?

**רבינו: רבי ישכר דוב** האט ער געזעהן נאר איינמאל. אבער ביי **רבי אהרן** איז ער געווען. ער איז געפארן אויף ימים טובים, און אויף די הייליגע טעג.

**האדמו"ר מויזניץ:** דער ברודער פון בארא פארק, **רבי חיים לייב**, איז געווען אין בעלזא?

**רבינו:** ער איז געווען ביים **בעלזא רב** אין ארץ ישראל אויף די לעצטע הייליגע טעג.

**האדמו"ר מויזניץ:** תשי"ז. די זיידעס זענען געפארן אויף צום מיטעלן רב?

**רבינו:** יא. דער זיידע איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און דעם **ערוגת הבשם'ס** תלמידים זענען געפארן קיין בעלזא.

דער **ערוגת הבשם** אליין, איז געפארן אויף צוויי פלעצער, קיין שינאווע און קיין בעלזא, די צוויי זענען געווען זיינע רבי'ס.

**וכיבדו רבינו לברך על היין**

**האדמו"ר מויזניץ:** כהן.

**רבינו בצחות:** דאס איז נישט קיין ברכת כהנים.

**האדמו"ר מויזניץ:** עס איז דא א חיוב פון וקדשתו. לחיים, דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין השפעות טובות, מיט שמחה און ישועות און רפואות.

**רבינו:** אמן. דער רבי זאל אויך קענען להגדיל תורה ולהאדירה, מתוך שמחות ונחת. איך הער אז מען איז מחנך א פרישן בית המדרש. מיר האבן פארלוירן א שכן טוב לכבוד דעם. אמאל איז די בית מדרש געווען דא ביי אונז.

**האדמו"ר מויזניץ:** מען איז נאר געגאנגען אביסל ווייטער אין מעטער, אבער נישט אין הארץ. שקר מקרבן מיליה, אמת מרחקא מיליה (שבת קד.), אפילו עס איז ווייטער, אבער עס איז אמת'דיג.

די וואך איז דעם פריערדיגען רב'ס יארצייט, כ"ב חשון.

**הרה"ג רבי יואל משה מרדכי:** היינט נאכט איז דעם **אהבת שלום'ס** יארצייט.

פארוואס האט מען נישט געפירט א טיש ביים **אהבת שלום'ס** יארצייט?

**האדמו"ר מויזניץ:** איך האב אמאל געפרעגט דעם הייליגן זיידען, דער **אמרי חיים זי"ע**. איך האב אים געפרעגט צו עס האט א שייכות מיט די באקאנטע מעשה פונעם **תורת חיים**, וואס ער איז אמאל געווען אויפן ציון פונעם **אהבת שלום**, ער איז געווען א שארפער מענטש, און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער זיך אנגערופן, מער גיי איך נישט צו אים. וויל ווען איך בין געווען דארט אויפן ציון, האט מיר דער טאטע געזאגט, חיים, בלייב דא מיט אונז, עס איז געווען זייער געשמאק, איז מער גיי איך נישט. האב איך אמאל געפרעגט דעם הייליגען זיידען דער **אמרי חיים זי"ע** צו דאס וואס מען מאכט נישט קיין טיש ביים **אהבת שלום'ס** יארצייט האט א שייכות מיט די מעשה. האט ער געזאגט, ניין. ער האט נישט מאשר געווען אז דאס איז די טעם. אבער פארוואס מען מאכט נישט קיין טיש, ווייס איך נישט. א לחיים מאכט מען, אבער נישט א געוואשענע טיש. אבער פונעם **תורת חיים** יא. סיי ביים **תורת חיים**, און ביים **צמח צדיק**, און ביים **אמרי ברוך**, און אוודאי ביים **אהבת ישראל** מאכט מען יא א טיש. זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בן הר"ר **אברהם ליעבער** הי"ו (חתן הר"ר משה עהרנפעלד הי"ו),

עב"ג בת הר"ר **יוסף פריינד** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והלך לניחום אבלים אצל משפחת מרת לעזער ע"ה (אשת הרה"ח **ניסן לעזער** הי"ו).

***__וזה תוכן השיחה:__***

**א' האבלים:** די מאמע האט געשטאמט פון גרויסווארדיין. זי איז געווען א טאכטער פון די גבאים פון די וויזשניצער רבי'ס. איר פאטער איז געווען גבאי ביים **אהבת ישראל** די לעצטע צוויי יאר, און נאכדעם ביים **אמרי חיים**.

**רבינו:** ווי אזוי האט געהייסען איר פאטער.

**א' האבלים:** מען האט אים גערופן אינדערהיים 'זיידא' שעכטער, אבער זיין נאמען איז געווען 'אברהם אהרן'.

**רבינו:** פארוואס האט מען אים גערופן זיידא?

**א' האבלים:** מיר ווייסען נישט. איינער האט היינט געברענגט דא א ספר וואס דער זיידע ר' אברהם אהרן האט געגעבן א מתנה פארן **אהבת ישראל**. ער האט געהאט א ספרים געשעפט צוזאמען מיט **רבי יודא'לע הורוויץ זצ"ל מדזיקוב**, זיי האבן געדרוקט ספרים בשותפות, דעם **דרשות חתם סופר** און נאך. און עס שטייט דארט אריינגעשריבן א שיינע מליצה, און אונטען איז אונטערגעשריבן, יהודא בן חוה, און אברהם אהרן בן גיטל, אן די נאמען זיידא.

**א' המנחמים:** עס איז געווען פלעצער וואו מען האט נישט אריינגעשריבן אין א קוויטל א צוגעגעבענע נאמען.

**רבינו:** אין וויליאמסבורג איז געווען א יוד וואס האט געהייסען זיידא רובינשטיין. און ער האט פארציילט, אז ווען ער איז געווען א קליין קינד פון צוויי יאר אלט, איז ער געווען נישט געזונט, און דער פאטער איז געגאנגען צום **אהבת ישראל**, און ער האט אים געהייסען צוגעבן א נאמען 'זיידא', און ער האט געזאגט, אז 'זיידא' איז 'זיי דא'.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***__שבת קודש פרשת וירא__***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

אחר הבאטע השתתף **רבינו שליט"א** אצל העריכת השלחן של **כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א**, שהתקיים באהל מיוחד ע"י בית מדרשו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל הפארשפיל של בן **הרה"ג אב"ד סעליש שליט"א**, שהתקיים בבית המדרש סעליש.